STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02456

LIDER TSUM ZINGEN

Abraham Reisen

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם רייזען

לידער צום זינגען

מיט די נאָטן



א מתנה מיינע פריינט...

אברהם רייזען

ארויסגעגעבן פון דעם

א. רייזען יובל־קאָמיטעט

425 לאַפאַיעט סטריט, ניו יאָרק, נ. י.

1947

די צייכנס אין אינהאלט מיינען:
ק. - פאר קינדער אָדער קינדער־כאָרן.
ס. - פאר סאָלאָ געזאנג.
כ. - פאר כאָרן און דערוואקסענע.

א שטערנדל (*) אין אינהאלט פארן ליד מיינט, אז דאָס ליד האָט אויך פיאנאָ־באגלייטונג. די מוזיק קאָן מען באקומען ביי דער „מעטראָ מיוזיק קאָ". - 64 איסט 2־טע גאס, ניו יאָרק.

מיר ווילן דאָ אויסדריקן א דאנק הענרי לעפקאָוויטש, פאר דערלויבן דעם א. רייזען יובל־קאָמיטעט צו באנוצן זיך אין דעם ביכל מיט מוזיק פון די לידער, אויף וועלכע ער האָט די קאָפּירייט; און אויך אלע אנדערע, וואָס האָבן דערלויבט צו באנוצן זיך מיט זייער מוזיק.

דער יובל־קאָמיטעט

אינהאלט.*)

		מוזיק:	זייט:
	ביאָגראַפיע פון א. רייזען.	ל.שפּיטאלניק	4
1	.אויפן ניל ק.	מ. געלבארט	8
2	.חנוכה ק.	ס.גאָלוב	10
3	.ווען ב'צינד ק. ס.	מ. ליפּשיץ	12
4	.מענדעלע ק.	מ. געלבארט	14
*5	.מאי קאָ משמע לן ס.	פאָלקס־מאָטיוו	16
6	.ווינטער אָוונט ק. ס.	מ. געלבארט	18
7	.פארגעבונג ס.	ס. גאָלוב	20
8	.אין די וויטסטע לענדער ס.	מ. געלבארט	22
*9	.דאָס נייע דאָרף ס.	מ. געלבארט	24
10	.נייע קוואלן ס.	מ. געלבארט	26
11	.אָרימעס לעבן ק.	פאָלקס־מאָטיוו	28
12	.צום העמערל ק. ס.	א. בערנשטיין	30
13	.דאָס געבעט ס.	מ. געלבארט	32
*14	.די קירכן גלאָקן ס. כ.	פאָלקס־מאָטיוו	34
*15	.א ווינטער ליד ק. כ.	פאָלקס־מאָטיוו	36
*16	.די וואנט ק. ס. כ.	פאָלקס־מאָטיוו	38
*17	.דאָס נייע ליד ק. ס. כ.	פאָלקס־מאָטיוו	40
18	.פון דאנען ס. כ.	לאזאר ווינער	42
19	.די מוטער צום קינד ס. כ.	ישר. גלאדשטיין	44
20	.מלחמה ק.	מ. געלבארט	46
21	.די יונגע מוטער ס.	מעדוועדיעף	48
22	.אומעטיק, קינד מיינס ס.	מ. געלבארט	50
*23	.ווי א בלום ס.	ז. זילבערטס	52
*24	.דער שמעטערלינג ס.	ז. זילבערטס	54
25	.צווייערליי צער ס.	מ. געלבארט	56
*26	.אלע אָוונט ס.	לויט א. רובינשטיין	58
27	.איצט פארשטיי איך ס.	ליפּע פיינגאָלד	60
*28	.פארגעסן ס.	אָפּעלא	62

*)די באדייטונג פון די צייכנס, ק. ס. כ.
א. ד. ג. — אויף זייט 2.

**)נאָך לידער רייזענס, וואָס מ'זינגט קאָן
מען געפינען אויף זייט 64.

ל. שפיטאלניק.

אברהם רייזען.

(א קורצע ביאָגראפיע)

מיר פייערן איצט דעם זיבעציק־יאָריקן יובל פון אברהם רייזען, דעם גרויסן יידישן שרייבער — דערציילער און פּאָעט. די דאָזיקע דאטע איז א גרויסער יום־טוב אין אונדזער יידישער קולטור־וועלט.

אברהם רייזען איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1876 אין דעם שטעטל קאָידאנאָוו, מינסקער גובערניע, ביי א טאטן א משכיל, וואָס איז געווען א יידיש־העברעאישער שרייבער. דאָס יינגל אברהם האָט באקומען א טראדיציאָנעלע יידישע דערציאונג אין חדר און אין בית־מדרש. שפּעטער, ווען ער איז אונטערגעוואקסן, איז ער אויך באאיינפלוסט געוואָרן פון דער השכלה, אין וועלכער זיין אייגענער פאָטער האָט אים אריינגעפירט. זיין פאָטער האָט מיט אים געלערנט העברעאיש, רוסיש און דייטש.

שרייבן האָט א. רייזען אָנגעהויבן זייער פריי. צו 8–9 יאָר האָט ער שוין פּרובירט שרייבן לידער אויף יידיש און העברעאיש. און שוין אין זיין פריעסטער יוגנט האָט ער זיך באקענט מיט דער יידישער און העברעאישער ליטעראטור. אין דערזעלביקער צייט האָט ער זיך אויך אָנגעהויבן באקענען מיט דער רוסישער ליטעראטור.

אין 1891 איז רייזענס מוטער געשטאָרבן, און די היים פון דעם יונגן פּאָעט איז צעשטערט געוואָרן. ער איז דעמאָלט געוואָרן א לערער אין א דערבייאיק קליין שטעטל. ארום דערזעלבער צייט האָט י. ל. פּרץ אָפּגעדרוקט אין זיין „יידישער ביבליאָטעק" א. רייזענס א

ליד, און פון דענסטמאָל אָן הייבט זיך אייגנט־לעך אָן די גרויסע ליטעראַרישע טעטיקייט פון אברהם רייזען.

אינגיכן הייבט זיך רייזען אָן דורכשרייבן מיט שלום־עליכמען, וואָס האָט שוין דאַן געהאַט א גרויסן נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור. רייזען שיקט שלום־עליכמען זיינע לידער, און דער גרויסער הומאָריסט, וועלכער האָט געזוכט יידישע טאַלאַנטן ווי מיט ליכט, איז געווען באַ־גייסטערט פון זיי.

דער יונגער פּאָעט האָט געהאַט דאָס גליק, אַז אונדזערע צוויי קלאַסיקער י. ל. פּרץ און שלום־עליכם זאָלן זיך מיט אים פאַראינטערע־סירן. פּרץ דרוקט רייזענס לידער אין זיינע אייגענע אויסגאַבן. שלום־עליכם קאָן אליין ניט דרוקן דעם יונגן פּאָעטס לידער, שיקט ער זיי אוועק אין אַן אמעריקאַנער יידישער ציי טונג, וואו זיי ווערן אָפּגעדרוקט.

אין דעם יאָר 1899 האָט אָנגעהויבן ארויס־צוגיין דאָס וואָכנבלאַט „דער יוד", וואָס האָט באַצייכנט א נייע עפּאָכע אין דער יידישער ליטע־ראַטור. אברהם רייזען ווערט איינער פון די אָפּ־טעסטע און נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון „יוד", אָבער עס ציט אים אין דער גרויסער וועלט אריין, און עס נעמט ניט לאַנג און א. רייזען קומט קיין וואַרשע. אין וואַרשע געפינט באַלד רייזען צוויי חברים: ה. ד. נאָמבערג און שלום אש. דאָס זיינען שפּעטער געוואָרן די דריי באַרימטסטע נעמען אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

אין יאָר 1904 איז א. רייזען אוועקגעפאָרן

קיין מערב אייראָפּע. ער קומט קיין ווין און טרעפט זיך דאָרטן מיט דעם יידישן דענקער און פובליציסט דר. נתן בירנבוים, וועלכער האָט שוין דענסטמאָל געפירט א פראָפּאַגאַנדע פאר דער יידישער שפראך צווישן דער דאָרטיקער יידישער שטודירנדיקער יוגנט. רייזען באטייליקט זיך אויך אין דער פראָפּאַגאַנדע.

אין 1905, ווען עס ברעכט אויס די ערשטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, פאָרט רייזען אריבער קיין קראָקע און הייבט אָן דאָרטן ארויסגעבן דאָס וואָכנבלאַט „דאָס אידישע וואָרט". אין דער צייטשריפט זאָגט זיך רייזען אָפּן ארויס פאר יידיש, ווי א נאַציאָנאַלער שפראך.

אין דעם יאָר 1908 איז זיך אין דער שטאָט טשערנאָוויץ צונויפגעקומען די בארימטע טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן זיך אויסער אונדזער פּאָעט באטייליקט אויך דר. חיים זשיטלאָווסקי, י. ל. פּרץ, ה. ד. נאָמבערג, שלום אש, דר. נתן בירנבוים און אנדערע. די קאָנפערענץ האָט פּראָקלאַמירט יידיש ווי א נאַציאָנאַלע שפראך.

אין הארבסט 1908 פאָרט א. רייזען קיין אמעריקע, וואו ער ווערט אויפגענומען מיט באַגייסטערונג און ליבשאַפט. ער קערט זיך אום קיין אייראָפּע, אָבער אין 1914 קומט ער ווידער קיין אמעריקע, וואו ער באזעצט זיך אויף שטענדיק.

אין 1926 איז געפייערט געוואָרן רייזענס פופציק־יאָריקער יובל אויף גאָר א גרויסן שטייגער.

אין יאָר 1928 האָט רייזען באזוכט סאָוויעטרוסלאַנד, וואו מ'האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און אָנערקענונג.

איצט,צו זיין זיבעציק־יאָריקן יובל, פאַר־
צייכענען מיר מיט דאַנקבאַרקייט די דערגרייכונ־
גען פון א. רייזענען אויפן געביט פון דער
יידישער ליטעראַטור און פון אַנדערע געביטן
פון יידישער קולטור. רייזען איז אויך א גע־
זעלשאַפטלעכער טוער. וואו א יידישע קולטור־
שמחה, אָדער א ליטעראַרישער יום־טוב, איז
רייזען דער וואַרעמסטער באַגריסער און דערמו־
טיקער. און באַזונדערס צייכנט זיך א. רייזען
אויס מיט זיין אומבאַגרעניצטער ליבשאַפט צו
דער יידישער שול. א. רייזען קומט אָפט אין די
שולן. דאָרט בענטשט ער און מוטיקט די שול־
טוער און די לערער און וועקט גלויבן אין דער
צוקונפט פון דער יידישער שול. דערפאַר האָבן
אים סיי די שול־טוער,סיי די קינדער, וואָס לער־
נען אין די שולן, אַזוי ליב.

א. רייזענס לידער און דערציילונגען זיינען
זייער פאָרשיידנאַרטיק: א סך פון זיי זיינען אויף
יידישע מאָטיוון, אַנדערע— אויף אַלגעמיינע. ער
האָט געזונגען וועגן נויט און אָרעמקייט, אָבער
אויך וועגן א שיינער און גליקלעכער צוקונפט.
אָבער אין אַלע זיינע לידער און דערציילונגען
איז קאָנטיק רייזענס ליבע און רחמנות צו זיינע
העלדן, ווייל רייזען איז פול מיט ליבע צו
מענטשן.

צוליב רייזענס גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער
יידישער ליטעראַטור און קולטור פייערט איצט
די יידישע וועלט זיין זיבעציק־יאָריקן יובל און
דריקט אים אויס איר אָנערקענונג און ליבע
און ווינטשט אים נאָך לאַנגע יאָרן פון שאַפן
און טעטיקייט און א ליכטיקערער צייט פאַר
אונדזער טראַגיש פאָלק.

אויפ'ן ניל.

שווימט דאָס קעסטל אויפ'ן טײַך,
אויפ'ן גרויסן ניל,
שווימט דאָס קעסטל רואיק, גלײַך,
שווימט דאָס קעסטל שטיל.

און די כוואליעס רוישן ניט,
רירן זיך נאָר קוים,
ווי זיי וואָלטן ציטערן
אויפהײבן א שוים.

און די כוואליעס גײען שטיל.
גײען וואכט און לינד,
ווי זיי וואָלטן היטן זיך
טאָן א לײד דעם קינד.

אָ, די כוואליעס זײַנען דאך
נישט ווי פּרעה שלעכט;
ניט דערטרינקען וועלן זיי
משיחן פון קנעכט.

שווימט דאָס קעסטל אויפ'ן טײַך,
אויפ'ן גרויסן ניל,
און די כוואליעס טראָגן עס
פאַרזיכטיק און שטיל...

אויפן ניל.

andantino מיכל געלבארט.



חנוכה.

„ברוך אתה!‟ זינגט דער טאטע,
און ער צינדט די ליכט.
און די שטראלן, מילדע, פאלן
אויף זיין בלאס געזיכט.

און א פייער־־ הייליק, טייער־־
אין די אויגן לייכט.
און דער מידער מיט די גלידער
האט זיך אויסגעגלייכט.

און עס דאכט זיך, און עס טראכט זיך:
ס׳איז נאך עפעס דא;
ס׳איז געבליבן וואס צו ליבן;
הייליק איז די שעה!

אלטע קלאנגען, לאנג פארגאנגען.
נײן, עס קלינגט נאך צינד.
זינג מיר, טאטע, „ברוך אתה!‟,
און איך בלייב דיין קינד.

Moderato, Fiero סאלאמאן גאלוב. חנוכה.



ווען ב'צינד די ליכטלעך אָן, די אכט...

פארלאָשן זיינען מיינע שטערן,
אונן פינצטער איז די לאנגע נאכט;
דאָך הייבט מיר ליכטיק אָן צו ווערן,
ווען ב'צינד די ליכטלעך אָן, די אכט!

מיין מאכט אונן שטאָלץ איז לאנג אריבער,
דער ווילדער שונא שפאָט אונן לאכט;
עס לעבט דאָך אויף דער אלטער גבור,
ווען ב'צינד די ליכטלעך אָן, די אכט!

עס שטומען אלע מיינע לידער
פון גבורה, העלדענטאט אונן מאכט.
דאָך קלינגען זיי אין הארץ מיר ווידער,
ווען ב'צינד די ליכטלעך אָן, די אכט!

אן אלטע טרער מיין אויג פארטונקלט
אונן האָט עס שיר נישט בלינד געמאכט.
דאָך זעט, ווי העל צוריק עס פונקלט,
ווען ב'צינד די ליכטלעך אָן, די אכט!

װען כ'צינד די ליכטלעך אָן די אכט.

ס. ליפסין.



מענדעלע מוכר ספרים.

אונדזער ליבער זיידע
מיט די קלוגע אויגן
איז פון דעם יארידל
לאנג שוין אָפּגעצויגן.

קען מען נימ פארגעסן
איצט נאָך אונדזער ליבן.
סטייטש, עס איז די קליאטשע
גאָר אליין געבליבן!

און נימ נאָר די קליאטשע—
אלע זיינע ספרים
אָפּגעזאָגט ירושה;
זיינען מיר נימ אָרים.

אין זיין קליינעם ביידל
ליגט דאָך א פארמעגן;
לאָמיר עס נימ לאָזן
דרויסן, אינ'ם רעגן.

לאָמיר עס באהאלטן.
איצט, אין צייט פון שטורעם.
אך, זיין קליינע ביידל
איז דאָך אונדזער טורעם!

Andantino מיכל געלבארט. מענדעלע מוכר ספרים.



מאי־קאָ משמע־לן?...

מאי קאָ משמע־לן דער רעגן?
וואָס זשע לאָזט ער מיר צו הערן?
זײַנע טראָפּנס אויף די שויבן
קויקלען זיך, ווי טריבע טרערן.
און די שטיוול איז צעריסן,
און עס ווערט אין גאס א בלאָטע;
באלד וועט אויך דער ווינטער קומען —
כ׳האָב קיין וואַרעמע קאַפּאָטע...

מאי קאָ משמע־לן דאָס ליכטל?
וואָס זשע לאָזט עס מיר צו הערן?
ס׳קאַפּעט און עס טריפט איר חלב,
און ס׳וועט באלד פון איר נישט ווערן.
אזוי צאַנק איך דאָ אין קלויזל,
ווי א ליכטל, שוואַך און טונקל;
ביז איך וועל אזוי מיר אויסגײן
אין דער שטיל, אין מזרח־ווינקל...

מאי קאָ משמע־לן דער זייגער?
וואָס זשע לאָזט ער מיר צו הערן?
מיט זײַן געלבן ציפער־בלעטל,
מיט זײַן קלינגען, מיט זײַן שווערן?
ס׳איז אן אָנגעשטעלטע כלי,
ס׳האָט קיין לעבן, קיין געפילן.
קומט די שעה, דאָ מוז ער שלאָגן
אָן זײַן רצון, אָן זײַן ווילן...

מאי קאָ משמע־לן מײַן לעבן?
וואָס זשע לאָזט עס מיר צו הערן?
פוילן, וועלקן אין דער יוגנט,
פאר דער צײַט פארעלטערט ווערן.
עסן „טעג״ און שלינגען טרערן,
שלאָפן אויפ׳ן פוסט דעם הארטן.
טײַטן דאָ די „עולם הזה״
און אויף עולם־הבא וואַרטן...

Andante Religioso פאלקס ניגון. מאי קא משמע לן.



װינטער אָװנט.

װינטער אָװנט— . פון חדרים
זינגען ײנגעלעך געגאנגען;
איבער גאסן, שמאָל און אָרים,
האָבן אָפגעהילכט געזאנגען.
װײניק לידער, קלײן די צאָל—
זינגט מען אײן ליד נאָך אמאָל.

װאו ניט װאו א קראָם נאָך אָפן,
זיצט א קרעמערל א מידער;
מורמלט שטיל װאָס און פארשלאָפן,
װעקן אים די קינדערס לידער.
װערט אים גוט אזוי און באנג
פון דעם קינדערשן געזאנג.

זינגען קינדער העכער, העכער
מיט דעם ניגון דעם באַקאנטן.
אויף דער ערד און אויף די דעכער
פינקלען שנײעלעך— בריליאנטן.
און פון פענצטער, װאו ניט װאו,
װינקען פײערלעך זײ צו.


Andante Religioso
מיכל געלבארט.
19
ווינטער אָוונט.
Vin-ter o-vnt fun cha-do-rim
zai-nen yin-ge-lech ge-gan-gen i-ber ga-sn
shmol un o-zim ho-bn op-ge-hitcht ge-zan-gen
vei-nik li-der klein di tzol zingt men
ein lid noch a-mol
cresc.
zin-gen kin-der he-cher he-cher
rit.
mit dem ni-gn dem ba-kan-tn oif der erd un
oif di de-cher fink-len shnei-e-lech bri-lian-tn
un fun fens-ter vu nit vu vink-en
fai-er-lech zei tzu
דריטע סטראָפע
זינגט ווי די ערשטע.

פארגעבונג.

כ'טראָג א הארץ פול ליבע,
כ'בין מיט ליבע רייך;
גוטע מענטשן, שלעכטע--
אלע זיינען גלייך.

זינג מיר ניט פון יוגנט,
רעד מיר ניט פון זינד;
יעדער מענטש בלויז שפּילט זיך,
שפּילט זיך ווי א קינד.

קוק מיט פאָטער -- אויגן
אויף דער קורצער שפּיל;
גיב זיך אָפּט א בייזער,
אָבער ניט צו פיל!

דען די קינדער שפּילן,
ביז ס'פארגייט די זון,
און זיי גייען שלאָפן--
ס'איז קיין בייז דערפון.

Undante. סאלאמאן גאלוב. פארגעבונג.



אין די ווײטסטע לענדער.

אין די ווײטסטע לענדער
זײנען מיר צעשפּרײט,
יעדער טײל א רינגל
אין א לאנגער קײט.

בײ די אלע טײכן,
נישט פון בבל בלויז,
זײנען מיר געזעסן,
זוכנדיק א הויז.

איצטער איז אונדז טײער
גאָר די גאנצע וועלט
ס'שטײט בײ ווײטסטע ברעגן
אונדזערס א געצעלט.

וועלכעס ליד מיר זינגען,
איז באקאנט דער טאָן.
וועלכער טײך עס רײזלט,
ווײט א בענקשאפט אָן.

וועלכע פאָן עס פלאטערט,
גריסט זי אונדז באקאנט;
וועלכע שיף עס זעגלט,
צו א ברודערס לאנד.

אין די ווייטסטע לענדער. מיכל געלבארט.



דאָס נייע דאָרף.

עס זיינען ליב די שטיבער,
וואָס בויען ניי זיך אויס.
זיי זיינען שענער, ליבער
פון הייזער הויך און גרויס.

די ווענט פון האָלץ פון פרישן,
פון נאָנטן וואלד געבראכט.
די ווייסע בענק, די טישן
פון פראָסטן האָלץ געמאכט.

די דילן קומען שפעטער,
א דיל נאָך נים באשערט.
עס פעלן אויס נאָך ברעטער—
איז ליב די הוילע ערד.

מען איז דאָ ערשט געקומען—
אנטלאָפן פון דער נוים;
דער קאָפ איז איצט פארנומען
מיט זאָרג פאר היים און ברוים.

דאָס פעלד מיט גריינס און פלאקסן
דאָס איז די שענסטע זאך;
און זאנגען וועלן וואקסן
הויך, ביז אריבער דאך.

און תבואות וועלן דופטן,
אין שייער— פרישע היי;
און פייגל אין דער לופטן—
מיט לידער איבער זיי.

דאָס נייע דאָרף.

מיכל געלבאַרט.

Moderato



נײַע קװאַלן.

די װאָס גראָבן קװאַלן
אויף אַ נײַער ערד,
זײַער ליד טוט שאַלן,
זײַ איז פרײד באַשערט.

רידל, האַק און אײַזן
זינגען אַ געזאַנגז
װאַסער װעט זיך װײַזן,
מעג געװערן לאַנג.

טרעפט אַ שטײן זיך אונטן,
גרעסער איז דער רײַץ.
פון די טיפסטע גרונטן,
װאַסער, טו אַ פלײַץ!

װאַסער— נים געזען נאָך,
מורמלען— נים געהערט.
װעט עס אויסזען שענער
פון דער טיף פון ערד.

ביז מען װעט זיך לאָבן
מיט די קװאַלן פריש,
איז אַלײן דאָס גראָבן
ליב דערװײַל און זיס.


Moderato Marcato
מיכל געלבארט.
נײַע קוואַלן.
Di vos gro-ln kva-ln oif a nai-er
erd zei-er lid tut sha-ln zei iz frud ba-
shert zei er lid tut sha-ln zei iz frud ba-
shert. Fine ri-dl nak un ai-zn
zin-gen a ge-zang va-ser vet zich
vai-zn mey ge ve-rn lang
va-ser vet zich vai-zn
mey ge-ve-rn lang
D. C. ad lib.

אָרימעס לעבן...

אָרימעס לעבן; נאָר שטענדיק זיך מאַטערן,
שטענדיק צו לעבן אין נויט,
בוחות די יונגע, די פרישע צו פטר'ן,
זוכנדיק טרוקענעם ברויט!

וואָגלען און וואַנדערן; וואו טאָגן ניט נעכטיקן
נעכטיקן ניט וואו געטאָגט;
הערן דאָס שפּעטן פון בײַז־נידערטרעכטיקן,
שווײַגן, קײן וואָרט נישט געזאָגט!

בוקן זיך, בײַגן זיך נידעריק, נידעריק,
ברעכן דעם קערפּער אויף האלב;
רעדן החנונים און װײנענדיק, ציטעריק,
בעטן בײַם גאָלדענעם קאלב...

שטיקן פאַרלאַנגען און שטרעבונגען קראַפּטיקע
שטיקן און דריקן אין האַרץ;
בלומען פון יוגנט, די פרישע, די זאַפטיקע,
לאָזן צעטרעטן אויף שוואַרץ!...

אָרימעס לעבן.

פאָלקס ניגון.



צום העמערל.

אָך, העמערל, העמערל, קלאפּ!
שלאָג שטארקער א צוויעק נאָך א צוויעק!
קיין ברויט איז אין שטוב נישטאָ,
נאָר צרות און לייד אָן אן עק!

אָך, העמערל, העמערל, קלאפּ!
דער זייגער— ער שלאָגט שוין באלד צוועלף:
די אויגן זיי מאכן זיך צו—
גיב כוחות—אָ, גאָטוניו, העלף!

אָך, העמערל, העמערל, קלאפּ!
שלאָג שטארקער די צוויעקעס, שלאָג גיך,
ביז מאָרגן מוז פארטיק שוין זיין
דער גבירה'טעס טאָכטערלס שיך!

אָך, העמערל, העמערל, קלאפּ!
ניט גליטש פון מיין האנט זיך ארויס!
מיין איינציקער שפייזער ביסטו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס!...

צום העמערל. א. בערנשטיין.



דאָס געבעט.

עס הערט זיך דער דונער פון הימל,
עס בלענדט אין די אויגן דער בליץ,
אָ, גאָט, האָב רחמנות, די אָרימע
פון בייזן געוויטער באַשיץ.

דאָס ארבעטן שווער אויף די פעלדער,
געפינען זיך ווייט פון דער היים
און האָבן קיין אָרט, וואו זיך שיצן,
קיין שייער, קיין דעכל, קיין בוים!

דאָס זיינען אוועק אונטערוועגנס,
די פורן מיט משא פארלייגט,
און ווייט איז פאַר זיי נאָך א קרעטשמע,
און ווערן פון רעגן צעווייקט.

דאָס שטייען אין מארק מיט די קוישן —
מיט עפל, מיט גרינס און מיט ברויט;
און אלע, וואָס זענען איצט דרויסן,
וואָס ס'טרייבט זיי דער הונגער און נויט.

און אלע, וואָס זיינען פארוואַגלט,
וואָס האָבן קיין היינקעלע ניט,
די אלע פון בייזן געוויטער
באַשירעם זיי, גאָט, און באַהיט!

דאָס געבעט. | מיכל געלבאַרט. | *Andante patetico*



די קירכן־גלאָקן.

אך, װאָס קלינגט איר קירכן־גלאָקן!
הערט שוין אויף! גענוג געשראָקן
האָבן אײערע װילדע טענער
אונזער אָרימע װעלט!

אײערע טענער, דאכט זיך, רופן
צו פארברענען מענשן־גופן
אויף די הויכע עשאפאָטן,
װאָס איר האָט געשטעלט.

אײערע טענער רופן הענקער
צו מארטירן יעדן דענקער;
יענעם קאָפּ אראָפּצוהאקן,
װעלכער בײגט זיך ניט.

אָ, איר װילט די װעלט פארװיגן
מיט א שװארצן, טויטן ניגון
און פארדעקן מיט א מאנטל
פון א יעזואיט!

כ'האָב א נײעם גלאָק באשאפן,
צו דערװאכן טויטע שקלאפן.
ניט אין קירכן — אין דער לופטן
הענג איך אים ארויף;

ניט צו שרעקן, נאָר צו װעקן
גאָר די װעלט אין אלע עקן,
קלינגט ער מוטיק, רופט ער פרײליך:
שטײט צו לעבן אויף!

די קירכן גלאָקן.

פאָלקס ניגון.

Moderato



א ווינטער־ליד.

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פריי באהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגן, וואַרפט די ביימער,
טוט, וואָס אייך געפעלט!

טרייבט די פייגל פון די פעלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט;
די וואָס קענען ווייט נישט פליען,
טייט זיי אויפ'ן אָרט!

רייסט די לאָדן פון די הייזלעך,
שויבן ברעכט ארויס!
ברענגט א ליבטל ערגעץ דונקל,
לעשט מים צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן,
איצט איז אייער צייט!
לאנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט!...

ווינטער־ליד. (הוליעט, הוליעט)

Marcato פאלקס ניגון.



די וואנט.

די אויגן — פול צארן, פארגאסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאגן מיט קראפט און מיט מוט.
מיר שטייען ביי א הויכער, געמויערטער וואנט —
מיט העק און מיט האמערס, און אייזנס אין האנט. —
מיר ברעכן די וואנט!

די וואנט איז געמויערט גאר פעסט און גאר דיק,
פארצוימט אונז די וועגן צום לעבן, צום גליק;
פארשטעלט אונז די ליכטיקע זון און די מאכט
פון פרייליכן טאג אונז א פינצטערע נאכט —
מיר ברעכן די וואנט!

און פאלט פון דער שטיינערנער וואנט ווען אראפ
א שטיין, צי א ציגל טרעפט וועמען אין קאפ, —
די אייביקע בלייבן דאך שטיין גאר אן שרעק
און ארבעטן ווייטער, מען לויפט נישט אוועק —
מיר ברעכן די וואנט!

די ארבעט דארף דויערן, די ארבעט איז שווער.
פארזאמלט זיך, ברידער, קומט אלע אהער!
זאל יעדערער צולייגן פעסטער זיין האנט,
מיר וועלן די הויכע, די פינצטערע וואנט —
צעברעכן, צעברעכן די וואנט!...

די וואנט. פאלקס ניגון.



דאָס נײַע ליד.

און זאָל ווי ווײַט נאָך זײַן די צײַט
פון ליבע און פון שלום,--
דאָך קומען וועט, צי פרי, צי שפעט
די צײַט-- עס איז קײן חלום!

איך הער דאָס ליד פון ליבע, פריד
די מעכטיקע געזאנגען;
און יעדער טאָן פון ליד זאָגט אָן!
די זון איז אויפגעגאנגען.

עס עקט די נאכט, די וועלט דערוואכט
פול האָפנונג, לוסט און שטרעבן.
דו הערסט--אין לופט א שטימע רופט!
צו גליק און פריד און לעבן!...

דאָס נײַע ליד.

פאָלקס ניגון.



פון דאנען...

פון דאנען און פון ווײַט—
ס'וועט גרײכן און ס'וועט קומען
אינגיכן אונדזער צײַט;
פון דערנער— שענסטע בלומען;

און פרײד אַנשטאָט דער טרער
אויף דעם באַפרײַטן באָדן;
און גרויס וועט זײַן נאָך מער
דער לוין פאַר אונדזער שאָדן...

און רום אַנשטאָט דעם שפּאָט,
און ליבע— שטאָט דעם האַסן,
און פּאָנען איבער שטאָט,
און יום־טוב אין די גאַסן.

פון דאַנען און פון ווײַט. — לאַזאַר ווײַנער.



די מוטער צום קינד.

שלאָף נאָך, שלאָף נאָך, ליבעס קינדו
דרויסן איז א פראָסט, א ווינט—
גאָט זאָל זיך דערבארעמען,
גאָט זאָל אונז דערוואַרעמען.

אָ, דער ווינטער שרעקט מיך, שרעקט.
ליג, מיין קינד, נאָך איינגעדעקט;
שלאָף נאָך, אָרים פייגעלע,
עפן ניט דיין אייגעלע.

ווערסט דערזען א קאלטע וועלט,
דורך אין ווייסן אָפגעמעלט.
האָלץ אין שטוב קיין שייטעלע
און קיין געלט אין בייטעלע.

ניט געקאָכט און ניט געהייצט;
קעלט און הונגער דריקט און רייצט.
שלאָף, מיין קינד, פארפראָרענעס,
אָרימעס, פארלאָרענעס!...

די מוטער צום קינד.

ישראל גלאטשטײן.



מלחמה.

„אָ, מאמע, כ'וויל א ביסל מילך"...
ס'איז טרוקן מיר מײַן גומען...
— מײַן קינדו א בײַזער פאסטעך האָט
די אלע קי פארנומען.

„טאָ גיב מיר, מאמע, ברויט א ביס
דעם הונגער מיר צו שטילן!"
— ניטאָ, מײַן קינדו א וואסער האָט
פארטרונקען אלע מילן.

א וואסער ווילד, א וואסער רויט
האָט זיי אראָפּגעטראָגן,
און אלע מילנער זײַנען איצט
אוועק אין פעלד זיך שלאָגן.

„טאָ וואו זשע איז דער טאטע איצט,
ער זאָל אונדז עסן קריגן!"
— דער טאטע איז אוועק מיט זיי
א שונא צו באזיגן.

דער טאטע איז אויך איצט אין פעלד.
דו הערסט, מײַן קינד, א ברומען!
ער איז אוועק; ער איז ניטאָ;
ווער ווייסט, ווען ער וועט קומען!.

מלחמה.

Andante mesto מיכל געלבארט.



די יונגע מוטער.

שא, מײן קינד! דו ליג און שװײג!
אויף דער אָדלער זיצט אין שטײג.
פון דער שטײג די טיר איז צו,
און ער שרײט אזוי װי דו.

שטילער, קינד מײנס! ס'איז די װעלט
פול מיט שטײגן אויסגעשטעלט—
צי בחינם, צי באצאָלט,
צי פון אײזן, צי פון גאָלד.

װארף זיך, קינד, ניט און ניט פלי,
ס'װעט אומזיסט דיר זײן דײן מי!
ביסטו קלײן צי ביסטו גרויס—
קענסט ניט פון דער שטײג ארויס.

שא, מײן קינד! קײן קלאנג, קײן װאָרט!
ראָרט אין שטײג— דער אָדלער, האָרך,
איז פון קלאפן באלד שוין מיד;
פליגלען העלפן אים אויך ניט.

װײן ניט, קינד מײנס, שטיל און שא!
ס'איז מײן מזל אויך אזא!
אויך געפאנגען האָט מען מיך.
שװײג זשע שטיל אזוי װי איך.

די יונגע מוטער.

Undante מעדזיערעט.



אומעטיק.

אומעטיק, קינד מײנס, צו לעבן אלײן.
קענסט אפשר קומען צו מיר?
מײן צימער איז אָרים, מײן צימער איז קלײן,
האָט א באזונדערע טיר,
האָט א באזונדערע טיר,
נאָר קײנער, אוי, קלאפט נישט אין איר.

אומעטיק, קינד מײנס, אך, אומעטיק, שװער.
און װי נאָר דער אָװנט ער קומט,
זיץ איך, די אויגן צום טיר, און איך הער.
דער װינט אזוי טרויעריק ברומט,
דער װינט אזוי טרויעריק ברומט,
און ס'דאכט מיר, אז אימיצער קומט.

אומעטיק, קינד מײנס.

מיכל געלבארט.



ווי א בלום.

ווי א בלום אָן טוי פארדאר איך
אָן א קוש און אָן א גלעט.
שטענדיק ווארט איך, שטענדיק האר איך,
און עס ווערט שוין זיין באלד שפעט.

וואו זשע איז ער, מיין באשערטער?
קום שוין גיכער, קום שוין, קום!
נאָר איין קוש, צוויי ליבע ווערטער,
און עט בליט צוריק די בלום.

ווי א בלום. זאול ווילבערטס.



דער שמעטערלינג און די בלום.

די בלום, א חודש אלט,
א טאָג—— דער שמעטערלינג.
נו, פליט ער צו צו איר
און פלאַפלט אויס אלצדינג:

„איך גיי באלד פון דער וועלט,
געלעבט האָב איך צו לאנג!
גענאָסן האָב איך פיל,
געלעבט אין פרייד, געזאנג.

און ליבעריי געפירט
מיט יעדער בלום און בלאט...
אצינד איז נאכט, שוין נאכט,
איך פיל זיך עטוואָס מאט.

אָ, דו די לעצטע זיי
און אויך דיין ליבע שענק..
און ווען איך שטארב ביי דיר,
געדענק מיך לאנג, געדענק.


Andantino
Di blum a choi-desh alt a tog der shme-ter-ling
nu ftit er tzu tzu ir un pla-plt ois altz-ding
cresc..
ich gei bald fun der velt ge-lebt hob ich tzu lang
ge-mo-sn hob ich fil ge-lebt in freid ge-zang un
valse
li-be-rai ge-firt mit ye-der blum un
blat a tzind iz nacht shoin nacht ich fil mich et-vos
mat un li-be-rai ge-firt mit ye-der blum un
ritt...
blat a-tzind iz nacht shoin nacht ich fil mich et-vos
a Tempo
mat o du di letz-te zai un oich dain li-be shenk
un ven ich shtarb bai dir ge-denk mich lang ge-denk
cresc...
o du di letz-te zai un oich dain li-be shenk un ven ich
shtarb bai dir ge-denk mich lang ge-denk ge-denk

צווייערליי צער.

איך טראָג אין הארץ א גרויסן צער—
ער איז ניט מיינער.
אַ וועלט, נעם צו פון מיר דעם צער—
ער איז דאָך דיינער.

איך האָב ביי דיר גענומען אים,
ביי דיינע קינדער.
געוואָלט אים ליטערן אין הארץ,
אים מאכן לינדער.

נו, וואקסט ער דאָרט ביי מיר און וואקסט,
און ווערט אלץ שווערער.
אַ, וועלט, נעם צו דיין צער פון מיר
איך קען ניט מערער.

מיין אייגן צער איז גרויס גענוג
און גרויס מיין לײדן.
עס האָט מיין אָרים הארץ ניט מער
קיין פלאץ פאר ביידן...

צווייערליי צער.

מיכל געלבארט.

andante doloroso



דער יידישער אזרא.

אלע אָוונט קומט דאָס מיידל
צו דעם ברונעם שעפּן וואסער;
זי באגעגנט דאָרט א יינגל,
יעדן אָוונט ווערט ער בלאסער.
„זאָג, ווער ביסטו?" — האָט זי טרויעריק
אים אמאָל א פרעג געגעבן. —
„דיין געבורטסאָרט וויל איך וויסן.
וואו דו האָסט פארבראכט דיין לעבן?"
און ער האָט איר שטיל געענטפערט:
כ'בין פון עלנט, נוים א זינגער;
מיין געבורטסאָרט איז די „ליטע".
וואו מען שטארבט אין גאס פון הונגער...

אלע אונט.

Andantino לזים רובינשטיין.



איצט פארשטיי איך.

איצט פארשטיי איך, וואָס די פייגל
זינגען אזוי לוסטיק, פריילעך;
אין דעם גרויסן וואלד דעם גרינעם
לעבט זיך יעדער ווי א מלך.

יעדעס גרעזל, יעדעס בלימל
איז פאר אלע פריי און אָפן;
און די וואוינונגען בחינם—
אלע האָבן וואו צו שלאָפן.

איצט פארשטיי איך, וואָס די פייגל
זינגען, קלינגען ליב און ליבער;
אך, זיי זינגען וואָס זיי ווילן,
קיינער, קיינער האקט ניט איבער.

איצט פארשטײ איך.

ליפע פײנגאלד.



פארגעסן.

װען ס'איז די זון אין פורפור־רויט פארגאנגען.
געשטאנען זײַנען מיר בײַם ברעג פון טײַך.
געדריקט האָט איר מײַן האנט פול מיט פארלאנגען.
אװעק דאָס גליק; פארגעסן האָט איר גלײַך.
געדריקט האָט איר מײַן האנט פול מיט פארלאנגען.
אװעק דאָס גליק; פארגעסן האָט איר גלײַך.

געשװאָרן האָט איר דעם פּאָעט צו ליבן;
אױס שרעק פאר לײַט, אױס שרעק פאר בײַזן קלאנג,
זײַט איר דער שבועה הײליק ניט געבליבן,
זײַן ליבע אױך פארגעסן האָט איר לאנג.
בים.

נאָר נאָענט איז דער טויט. איך זע מײַן ענדע קומען.
װען איך װעל שטארבן, קלינגען װעט מײַן שטים,
און אומעטיק און שטיל װעט זי אײַך ברומען,
פאר אײַך געלעבט— פארגעסן האָט איר אים.

פארגעסן.

א. אפעלא.



אנדערע לידער פון א. רייזען, וואס מ'זינגט, וואס זיינען אָבער ניט אריין אין דעם ביכל צוליב מאנגל אין פלאץ:

אהיים צו מיר.	מ. געלבארט.
און וואו דו קומסט.	מ. ליפשיץ.
איך קוש דיך...	א. ראָזען.
אין א טאָג פון רעגן.	מ. ליפשיץ.
איצט פארשטיי איך.	מ. ליפשיץ.
א מאמעס טרערן.	מ. זאסלאווסקי.
ביי די ביימער.	ש. בוגאטש.
דער פרייער פויגל.	מ. ליפשיץ.
הערבסט.	טשייקאָווסקי.
ווייסע וואָלקנדלעך.	מ. געלבארט.
זי...	מ. געלבארט.
זי און דער טרוים.	ז. זילבערטס.
זינג, פויגל!	גלינקאָ.
יוגנט.	רוס. קאָמפאָז.
מיך ציט אהיין.	מ. פאָזנער.
מיר בענקען.	מ. ליפשיץ.
נאָך גרינס.	
ס'פייגעלע.	גאָזינסקי.
עס איז געווען אמאָל.	מ. ליפשיץ.
פרעגט די וועלט.	
צום ברודער.	
צעבראָכן הארץ.	
שבת אָוונט.	מ. קאץ.
שפעטער.	מ. ליפשיץ.
צען לידער (אין א ביכל)	ל. פיינגאָלד.
און אנדערע לידער.	

פאר באָרן.

די וואנט.	ש. בוגאטש.
די עפל-פארקויפערין.	ש. סעקונדא.
העלדן.	י. וויינבערג.
יעקבס חלום.	ז. זילבערטס.
מוטער צום קינד.	מ. פאָזנער.